# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שמיני, פרשת פרה, מברכים חודש ניסן, כ"ג אדר ב', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 29 (389)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:02
מוצאי שב"ק........................8:31

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................עזרא א'-ב'
בבלי........................חולין קכ"ג
ירושלמי................תרומות כ"ד
תוספתא...........תרומות פרק ז'
רמב"ם..................בכורות ב'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְלוֹם פֶּעדֶערְן**" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**" וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּהן, עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "**בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב**", דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהן וִוי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד". טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דִי הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּהן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) "**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) "**הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם**", אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "**שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'**", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

אוּן דֶער אִיד דַארְף הָאבְּן "**סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת**", פוּן אֵיין זַייט "**סְנַפִּיר - פְלוֹם פֶּעדֶערְן**" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיבּ מֶען זֶעהְט אַז דִי פִישׁ הָאט "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְלוֹם פֶּעדֶערְן**", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת, צוּ מְוַתֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז גָאר אַ גוּטֶע אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן דִי ווִיכְטִיגֶע מִדָּה, וֶוער עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, סַיי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צִי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, מִיט אִידְן אִין שׁוּל, אָדֶער מִיט סַיי וֶועמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מְוַתֵּר זַיין. וֶוער עֶס אִיז מְוַתֵּר - דֶער גֶעווִינְט.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דִי מִדַּת הַוַּתְּרָנוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז מְ'זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל אִים בַּאדִינֶען פַאר אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוָואלְט בַּאדִינֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן מִיטְנֶעמֶען פוּן פּוּרִים אִיז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא, עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", מֶען דַארְף צוּקוּמֶען צוּ ווִיסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; אַז עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר אָרוּר הָמָן דַארְף אִיךְ עֶס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה פוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף מִיר בָּרוּךְ מָרְדְּכַי. דָאס אִיז דֶער חִיּוּב פוּן טְרִינְקֶען אוּם פּוּרִים, מֶען זָאל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז לְטוֹבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד'): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה - דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שְׁמִינִי תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ גְרֵייטְן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח ?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וִוי אַזוֹי מְ'קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי מְ'קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ אַ יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן נָאךְ אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ'קֶען זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין פוּן אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶע שְׁטַאנְדְפּוּנְקְט. אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיטְ'ן רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח, וִוי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ נָארְמַאלְן אוֹפָן, נִישְׁט מִיט קַיין מְשׁוּגַעַת'ן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם ס"מ אִיז עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן, מַה שֶׁאֵין כֵּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט נִישְׁט בַּיי אֵיינֶעם וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג, נָאר בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיי דִי קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אִיז עֶר בַּיי דִי טוּמְאָה. דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן וואו עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ – אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירוֹת (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט).

בִּפְרַט וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי טוּמְאָה, וַוייל פֶּסַח גֵייט דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן גָלוּת מִצְרַיִם אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם", דַארְף מֶען נָאכְמֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן דֶעם אִיד, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אִים אַוֶועק גַנְבְ'נֶען זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן זַיינֶע קְדוּשׁוֹת, עֶר זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דֶער טַאטֶע זָאל זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אָדֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעאַנְפֶּערְן וְכוּ'.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'שְׁטוֹיבּ אִיז חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען דִי קָרְבַּן פֶּסַח'. מוֹהֲרָא"שׁ

<<<<<<

>>>>>>

דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ שַׁמָשׁ וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען, אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעצָאלְט אַ גֶעהַאלְט.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט רוֹיךְ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעלִיטְן פוּן אַ לוּנְגֶען אַנְטְצִינְדוּנְג, וָואס רוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, עֶר הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער אַז דִי הוֹיז זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דֶער שַׁמָשׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, פַארְוָואס עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען צָאלְט אִים דָאךְ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דָא זִיצְט עֶר אוּן עֶר דְרִימְלְט?!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׁמָשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דִי שְׁטוּבּ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵויטֶע מָאל שְׁרֵייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ; אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר וֶועט יֶענֶעם גוּט אַרַיינְזָאגְן אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס קֶען אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַחְלוֹקֶת פוּן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר לַיידְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

דִי מִדָּה פוּן וַתְּרָנוּת קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן. אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס. דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אַלֶעס וָואס מֶען ווִיל. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיפְקוּקְן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי, דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, ווִילְן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, נָאר זֵיי רוֹדְפְ'ן דֶעם צְוֵוייטְן בִּיזְ'ן סוֹף, דַאן וֶועט פַּאסִירְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעדְרִיקְט אוּן צֶעקְלַאפְּט בִּיז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ, אָדֶער וֶועלְן דִי קְרִיגֶערַייעֶן פִירְן צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיף בֵּיידֶע פֶעלֶער וֶועלְן בֵּיידֶע לַיידְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע וֶועלְן לַיידְן דִי קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין פִילֶע צָרוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער, כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף דָאס אָבֶּער צוּגֵיין אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וַתְּרָנוּת, וַוייל אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עֶקְסְטְרֶעם, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁכֵנִים זֶעט מֶען דָאס גָאר שְׁטַארְק, אַז נָאר מִיטְ'ן מְוַותֵּר זַיין קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַאכְן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט וואוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט צוּ לֵייגְן, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע זַאכְן. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט אַ שָׁכֵן דַארְף מֶען זַיין גוּט, מֶען וואוֹינְט דָאךְ אִין אֵיין הוֹיז מִיט יֶענֶעם, טִיר בַּיי טִיר, אוּן פוּן זַיין צֶעקְרִיגְט וֶועט נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר בֵּיידֶע. מִיט דֶעם וָואס מֶען מְוַותֵּר זַיין פַאר יֶענֶעם, וֶועלְן בֵּיידֶע נָאר פַארְדִינֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר אַז יֶענֶעם זָאל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ גֵיין גוּט, אוּן פַארְקֶערְט אֵיינֶער וָואס זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה אוּן נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס, דֶעם וֶועט פַאר אִים אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיין גוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט...

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער צַדִיק ר' יוּדְל זַ"ל פִירְט אַ חֲבוּרָה פוּן עוֹבְדֵי ה' אִין זַיין שְׁטָאט דַאשִׁיב. אֵיינֶער פוּן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע אִינְגֶעלַייט פוּן דִי חֲבוּרָה, ר' בֶּער, פָּארְט צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן ר' יוּדְל וָוארְנְט אִים אָן עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

### קכח

אַזוֹי וִוי ר' בֶּער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּ ר' יוּדְל זַ"ל, הָאט עֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז עֶר טַאקֶע בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן.

### קכט

וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן סְ'אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים זַיינֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, וִוי בַּאקַאנְט פַאר וֶוער סְ'וִויל אָנְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג. עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, גוּטֶע צַייטְן אוּן שְׁוֶוערֶע צַייטְן, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, הָאט דָאס אִים גֶעמַאכְט נָאךְ מֶער מָרָה שְׁחוֹרָה.

סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, וַוייל דֶער וֶועג אִין עֲבוֹדַת ה' וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי'ן ר' יוּדְל, אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, אָן קַיין צִמְצוּמִים, זֵיי פְלֶעגְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען הֶעכֶער זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן.

ר' בֶּער הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אָבֶּער סְ'הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט. קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעדִינְגֶען אַ גוֹי וָואס זָאל אִים קוּמֶען וֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, דֶער גוֹי אִיז טַאקֶע גֶעקוּמֶען, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען דֶער גוֹי אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר צוּרִיק אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם גוֹי צוּ בְּלַייבְּן וַוארְטְן בִּיז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין פוּן בֶּעט אוּן זִיךְ אָנְטוּן דִי קְלֵיידֶער, אוּן דֶער גוֹי הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר טַאקֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דָאס נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר הָאט כְּסֵדֶר גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע קָאפּ וֶוייטָאג.

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט פִילֶע יִסוּרִים הַגוּף וְהַנֶפֶשׁ, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר אַרָאפּ פוּן זִינֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

### קל

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען שְׁטַארְק בַּאוואוּסְט אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָאט ר' בֶּער אֵיינְמָאל בַּאשְׁלָאסְן אַז גֶענוּג אִיז גֶענוּג, עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי פִילֶע יִסוּרִים אוּן צָרוֹת, דִי סְפֵיקוֹת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט יָא אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֶבִּי אִים קֶענֶען הֶעלְפְן.

עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן. קוֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה. הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי וִוי צְדָקָה, וִוי סְ'שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית ט"ו, ו') "וְהֶאֱמִין בַּה' וַיַחְשְׁבֶהָ לוֹ צְדָקָה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וַוייל "אֱמוּנָה" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "בָּנִים".

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין גַאנְצְן בִּיטֶער הַארְץ, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי

<<<<<<

>>>>>>

פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען מַאכְט פֶּסַח'דִיג אַז שְׁטוֹיבּ אִיז נִישְׁט קַיין חָמֵץ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין קָרְבַּן פֶּסַח", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַשֶׁהוּ כַּעַס אִיז מִדְאוֹרַייְתָא אוּן אַ מַשֶׁהוּ עַצְבוּת אִיז חָמֵץ גָמוּר - אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין בִּיטוּל אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקָּר הַיַהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה) וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתַּם חוּמְרוֹת, אָבֶּער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִידוּרִים וְכוּ', אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי' וְכוּ'", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת; עַיֵין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען "קְוַואל וַואסֶער", וַוייל אַ קְוַואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוַואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוַואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיינְס".

אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב דַארְפְן מִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין הַקְדָמַת סֵפֶר חֲרֵדִים) אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דֶער וֶועלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם מִצְוָה.

אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שִׂמְחָה א) "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

טובות, און אידלקייט, וואס מען טרעפט זעלטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, עס האט זיך שטארק אנגעזען די דרך ארץ און אידלקייט פון די בחורים, און זיי האבן זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

***

## קמחא דפסחא קאמפיין אין פולן שוואונג

אין די יעצטיגע טעג ווען מ'גייט זיך צום יום טוב פסח, האט זיך שוין אנגעהויבן די קמחא דפסחא קאמפיין צוזאם צו שטעלן געלט צו קענען אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע אין אונזערע מוסדות אויף פסח.

עס האלט יעצט ביי א מצב אז מען איז שולדיג איבער הונדערט טויזנט דאלער פאר די איינגעשטעלטע פון די מוסדות, פון די ישיבה, פון די תלמוד תורה און די סקול.

אין די לעצטע יארן איז דער קאמפיין געקרוינט געווארן מיט א געוואלדיגע הצלחה מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, אנשי שלומינו האבן זיך זייער ווארעם אנגערופן מיט גרעסערע סכומים, און מען האט געקענט אויסצאלן אלע איינגעשטעלטע פאר פסח און זיי פארשאפט א שמחת יום טוב. מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועלן אידן זיך אנרופן ווארעם אויך דאס יאר, און מיט דעם האבן א גלייכע חלק אין די הייליגע ארבעט. רופט אריין צו געבן אייער ברייטהארציגע נדבה, **718-384-1652 #101.**

**כל דכפין ייתי ויכול!**


# די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858**



>>>>>>

עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן פוּן דִי זִיסֶע טֵייעֶרֶע הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָן קַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן יִסוּרִים, נָאר מִיט אַ זִיסְקַייט, לֶעבְּטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק.

עֶר אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ וִוי אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט פוּן פְרִישׁ אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט גֶעזֶען אַז עֶר גֵייט אַסַאךְ צוּם רֶבִּי'ן, אִיז זִי אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעְרֶעדְט אוֹיף אִיר זוּן, אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט חֲצוֹת, עֶר שְׁלָאפְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אַסַאךְ קָאפּ וֵוייטָאג אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְלַאץ. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וָואס ר' בֶּער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דוּ זָאלְסְט שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן גֶעהֶערִיג, נָאר זָאלְסְט הִיטְן דִי צַייט, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ וַוייטֶער צוּ פִירְן".

עֶר הָאט טַאקֶע גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער, "דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרֵיי אַזֵייגֶער", אוּן עֶר הָאט דָאס טַאקֶע מְקַיֵּים גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְן זַיין אִין שׁוּל בַּיינַאכְט הָאבְּן אַלְס גֶעווּאוּסְט אַז וֶוען ר' בֶּער קוּמְט אָן אִיז דֶעמָאלְט דְרֵיי אַזֵייגֶער.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# פַּרְשַׁת פָּרָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ד) אַז נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת פָּרָה אוּן דָאס אִיז אַן הֲכָנָה צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וַוייל אִין דִי פַּרְשַׁת פָּרָה לֵיינֶען מִיר אִיבֶּער דִי פָּרָה אֲדוּמָּה וָואס רֵיינִיגְט פוּן טוּמְאַת מֵת, אוּן מִיט דֶעם רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ צוּ קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא אַ פָּרָה אֲדוּמָּה. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ י"ד, ג') "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ" – דִי מוֹיל אוּן לִיפְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי פָּרָה אֲדוּמָּה, מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גֶעווּאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶערֵיינִיגְט, דָאס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים אוּן גְזֵירוֹת.

אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן פּוּרִים, בַּאקוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס אַז וֶוען עֶס קוּמְט סַיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס וִויל טְשֶׁעפֶּען דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז נָאר דָא אֵיין פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן דָאס אִיז נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַזַא רָשָׁע וִוי הָמָן אוּן עֲמָלֵק אוּן וִויל הַרְגְ'נֶען דִי אִידְן, דַארְף מֶען נָאר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אַדְרֶעס צוּ וֶועמֶען מֶען קֶען זִיךְ וֶוענְדְן, דַאן עֶפְנְט זִיךְ זַיין מוֹיל אָטָאמַאטִישׁ אוֹיף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, וָואס אִיז דֶער עִיקָר טוּמְאַת מֵת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִיז עֶר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר אוֹיסְנוּצְן דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת פָּרָה, צוּ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְז אַלֶע טוּמְאוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אוּן דָאס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זַיין גְרֵייט צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּגֵיין פוּן אוּנְז אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אִין דִינִים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פריילכע פורים טעג אין ישיבה

אום פורים נאכמיטאג זענען זיך אנשי שלומינו צוזאם געקומען צו די סעודת פורים בהיכל הישיבה, נאך די סעודה האט מען ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם - וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש - "קימו וקבלו היהודים". ובזמן הזה - אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

א גרויסער עולם אנשי שלומנו זענען זיך צוזאם געקומען פון נאנט און ווייט זיך צו פרייען אינאיינעם, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען זיכער גע'פועל'ט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

***

## שיינע "שושן פורים" שפיל אין היכל הקודש וויליאמסבורג

הונדערטער אידן זענען זיך צוזאם געקומען דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג צום סעודת שושן פורים, וואו מ'האט זיך געוואשן לכבוד סעודת מלוה מלכה און מ'האט געזינגען זמירות פון מוצש"ק, דערנאך האט מען געהערט א שמועס פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק עס דארף זיין אונזער שמחה אז עס איז אריבער אויף אונז אזא הייליגע יום טוב פורים, און מיר האבן געהאט די זכיה צו טון די מצות היום, ליינען די מגילה, געבן משלוח מנות, מתנות לאביונים, א.א.וו.

דערנאך האט מען געזען א שיינע פרעזענטאציע פון מוהרא"ש זי"ע ביי פארשידענע יארן אום פורים, די ריקודין, און מ'האט געהאט די זכיה צו הערן אויסצוגן פון די הייליגע ווערטער פון מוהרא"ש, בשעת עס גיסן זיך פון זיינע אויגן טייכן טרערן, ווען ער רעדט איבער די גרויסע רחמנות וואס ער האט אויף בחורים און מיידלעך, ווי קיינער פארשטייט נישט וואס עס גייט אריבער אויף זיי, און ווי ער האט גענומען אויף זיך זיי צו העלפן מיט די גרעסטע מסירות נפש, און ווי דער סמ"ך מ"ם האט זיך פארלייגט אויף אים, אלעס נאר ווייל ער נעמט ארויס די הייליגע נשמות וואס דער סטרא אחרא האט שוין געהאט אין זיין טאש.

דערנאך האבן עטליכע טאלאנטפולע בחורים און אינגעלייט אויפגעשפילט א הערליכע פארשטעלונג פון די מעשה הייליגן רבי'ן וואס ווערט געברענגט אין ספר "כוכבי אור" פון "דער בן מלך וואס איז געווארן אן אינדיג", ווי מ'האט אויף א געשמאקע אופן ארויסגעברענגט גאר שיינע מוסר השכל, ווי אזוי דער הייליגער רבי לאזט זיך אראפ צו אונז, מיט אונזערע דמיונות, און שמועסט מיט אונז און גיט זיך אפ מיט אונז, און אזוי שטאטעלעך, אן דעם וואס מיר כאפן אפילו, ברענגט דער הייליגער רבי אונז צו צו די גרעסטע מדריגות, צו וואס די גרעסטע צדיקים זענען צוגעקומען, ווי רעדן צום אייבערשטן, און לעבן מיט אייבערשטן, א.א.וו.

דער שפיל פון וואס אלע האבן שטארק הנאה געהאט, איז געשפילט געווארן דורך הרב יחזקאל סאמעט שליט"א, הרב מרדכי אינדיג שליט"א, מו"ה מיכל ראזענפעלד הי"ו, מו"ה העניך אינדיג הי"ו, הב' משה ראזענבערג הי"ו, הב' נתנאל פארקאש הי"ו, און הב' בערל שניטצלער הי"ו.

די אנוועזנדע האבן גאר שטארק הנאה געהאט פונעם שפיל, וואס איז געווען גאר אינטערעסאנט און פרייליך, און צו די זעלבע צייט שטארק ארויסגעברענגט דעם מוסר השכל.

***

## בחורי הישיבה שיין אויפגענומען דורך נדיבי עם בעצם יום הפורים

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן זענען די בחורים פון ישיבה אויך דאס יאר ארומגעגאנגען אום יום טוב פורים צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר די הייליגע מוסדות.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדעלט זיך, א ישיבה וואו די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה וואו יעדער בחור לערנט יעדן טאג בהתמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעססעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**